## גליון

# משמיע ישועה

**דברי חיזוק**
**עצות והדרכה**
שנאמרו ע"י
**מורינו הגה"צ**
**אבד"ק ברכת מנחם שליט"א**

**לאור המצב הקשה השורה בעולם**
**ובקרב עם ישראל**

יו"ל ע"י שומעי לקחו
ניסן שנת תש"פ לפ"ק - גליון כ"א

דברים אלו שהבאנו ברכה לפניכם היום,
**נלקטו ונערכו מכמה שיעורים**
שנשמעו ע"י
**מורינו הגה"צ רבי יהושע נתן פייפער שליט"א**
אבד"ק ברכת מנחם
יהי רצון שנזכה לימים טובים הבאים לקראתינו
לשלום מתוך שמחה ונחת והרחבת הדעת, אמן.

להשיג הגליונות

**בבארא פארק:**
ביהמ"ד ברכת מנחם
4424 16th Ave.

ביהמ"ד אברכים
ברכת מנחם
1600 55th St.

**בוויליאמסבורג:**
ביהמ"ד ברכת מנחם
491 Flushing Ave.

**בירושלים:**
ביהמ"ד ברכת מנחם
רח' זית רענן 1

להערות והארות ולקבל הגליון בדוא"ל
mashmiayeshuah@gmail.com

# תוכן הענינים

**א. מיר זענען מקיים די רצון ה׳ ............................ ה**

א מענטש אדער א קאץ? / פארוואס זענען מיר איינגעשפארט?

**ב. עס איז זייער שווער צו זיין איינגעשפארט ................ ח**

מען דארף האבן אסאך געדולד / דער תקופה קען ברענגען גוטס אדער די פארקערטע

**ג. גייען אונזערע קינדער אויסקוקען ווי שם אדער חם ווען זיי גייען ארויסקומען פון די תיבה? ................ יא**

נח איזאלירט פון די וועלט / וואס טוט מען אין די תיבה? / וואס קענען מיר ארויסלערנען פון די תיבה?

**ד. וויאזוי גייט מען אריבער די טעג מיט די קינדער? ....... טו**

די שוועריגקייט / "נאר צען מינוט" / אנגעקומען מיט 13 געלעכטער׳ס!!!

**ה. כרחם אב על בנים ........................................ יט**

וואס מיינט א טאטע? / השיבנו אבינו לתורתיך / סלח לנו אבינו

**ו. א אידישע מאמע!!! ....................................... כא**

אם בישראל / דבש וחלב תחת לשונך / בזכות נשים צדקניות נגאלו

**ז. ווי איז דער אייבערשטער יעצט? ............................ כד**

נישט דא קיין בית המקדש / נישט דא קיין בית המדרש / די עקרת הבית די כהן גדול!

**ח. על מה עשה ה' ככה?? ........ כז**

מה חרי האף הגדול הזה? / בשלי הסער הגדול הזה

**ט. כי טוב ה' לכל ........ כט**

מאתו לא תצא הרעות / די גוטס וואס מען זעט דא

**י. די חינוך פון די איצטיגע טעג ........ לב**

חינוך דורכצוגיין שוועריגקייטן אין לעבן / זיין צופרידן מיט וואס מען האט!

**יא. אויסנוצן די תקופה אויפ'ן בעסטן אופן ........ לו**

קשר מיט אונזערע קינדער / לעבן מיט די היינט / מען גייט דורכפאלן! אבער די עיקר מען זאל גיין ווייטער / זיין פריילך אין דערהיים / וויסן וואס איז ריכטיג און וויכטיג

**יב. המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר ........ מב**

יעדער אין די זעלבע פראבלעם

**יג. וויאזוי גרייט מען זיך צו יו"ט אין שאטן פון טרויער?? .. מד**

אין שאטן פון טרויער / צוריקגייענדיג קיין מצרים.... / פסח תש"ה.... / ראש השנה תר"ץ....

**יד. א סדר אינדערהיים, וויאזוי גרייט מען זיך? ........ מז**

נישט זיין נערוועז צו פראוועגען א סדר

**טו. ולא יהיה בהם נגף ........ מט**

ברכת המזון בכונה!

## א.
# מיר זענען מקיים די רצון ה'

### א מענטש אדער א קאץ?

רבותי, איך וויל אנהייבן מיט א מעשה וואס איז געווען מיט די גרויסע ירושלים'ער מגיד **ר' שלום שבדרון זצ"ל**, ר' שלום האט אלעמאל ליב געהאט צו פארציילן דער מעשה:

עס איז געווען אמאל א צייט וואס עס איז געווען א מחלה וואס האט זיך ארום געדרייט אין ירושלים וואס קליינע קינדער זענען נעבעך געווארן אנגעשטעקט ל"ע, וואס מען פלעגט דעמאלטס טון פארקערט ווי היינט - היינט דארף מען פארשפארן די אלטע אידן, האט מען דעמאלטס געדארפט איינשפארן די קליינע קינדער, און מען האט געדארפט אפטיילן איין קינד פון די אנדערע.

ר' שלום האט נעבעך געהאט איין קינד וואס איז געווארן אנגעשטעקט דערפון, און ווייל ער האט נישט געוואלט אז די קינד וואס האט נעבעך געהאט די מחלה, זאל אנשטעקן די אנדערע קינדער, האט ער גענומען דעם קינד אין א וועגעלע, און איהם געטראגען צו זיין שוויגער, ביז די קינד וועט ווערן אויסגעהיילט.

ער גייט אויפ'ן גאס צו זיין שוויגער, אינמיטן וועג טרעפט ער **ר' אייזיק שער זצ"ל** די סלאבודקא ראש הישיבה, די ראש ישיבה פרעגט אים: ר' שלום **'וואו גייט איר מיט דעם קינד'**, האט אים ר' שלום געענטפערט 'איך גיי צו די שוויגער ווייל עס איז דא א מחלה און דער קינד איז נעבעך אנגעשטעקט מיט דעם מחלה, איך וויל נישט אז ער זאל אנשטעקן אנדערע קינדער טראג איך אים צום שוויגער'.

ר' אייזיק שער הערט איהם אויס און ער פרעגט נאכאמאל, **'איך הער, איז וואו גייסטו למעשה יעצט?'**.

זאגט ר' שלום נאכאמאל 'איך האב יעצט געענטפערט פאר די ראש ישיבה, איך גיי צו די שוויגער מיט דעם קינד ווייל די קינד איז נעבעך אנגעשטעקט מיט די מחלה און איך וויל נישט אז ער זאל אנשטעקן אנדערע קינדער ממילא גיי איך יעצט צו די שוויגער.

און א דריטע מאהל פרעגט אים ר' אייזיק '**אבער ווי גייט איר ר' שלום**'... זאגט ר' שלום איבער 'איך גיי צו די שוויגער כדי די קינד זאל נישט אנשטעקן אנדערע קינדער'.

זאגט אים ר' אייזיק 'דאס הייסט אז דו ביסט א קאץ... ר' שלום קוקט אן ר' אייזיק און פרעגט 'וואס הייסט א קאץ?'.

זאגט ר' אייזיק 'א קאץ זארגט זיך אויף פאר אירע אייגענע קינדער, א קאץ פרובירט אויך אז איר קינד זאל נישט קראנק ווערן אדער עפעס זאל אים שאטן, וואס ביזטו אנדערש פון די קאץ?!'.

ר' שלום שטייט און ער הערט אויס, און ר' אייזיק זאגט אזוי 'ח"ו דו ביזט נישט קיין קאץ, ווייל דו ווייסט אז עס איז דא א מצוה פון '**והלכת בדרכיו**', אזוי ווי דער אייבירשטער איז א גומל חסדים זאלסטו אויך זיין א גומל חסדים, דו ווייסט אז עס איז דא א מצוה פון '**ונשמרתם מאוד לנפשותיכם**'.

און נישט סתם ווי א קאץ אדער א בהמה היט אפ איר קינד, נאר דו טוסט דאס ווייל דאס איז די רצון השם, די טוסט עס ווייל דאס איז וואס דער אייבישטער וויל יעצט, דו טוסט עס וויל עס איז דא א מצוה אין די תורה 'לא תעמוד על דם רעך', דאס טוט נישט קיין קאץ, א מענטש און א קאץביידע ווילן אפהיטען זייערע קינדער, אבער אונז טוהען דאס ווייל דער אייבירשטער וויל אז אונז זאלן דאס טון, אונז טוהען דאס כדי אפצוהיטען אנדערע אידישע קינדער!'.

## פארוואס זענען מיר איינגעשפארט?

טייערע חשובע עלטערן, אונז זענען אינדערהיים מיט די קינדער, די סיבה פאר וואס מען טוט עס, איז ווייל עס זאל זיך נישט פארשפרייטען די מחלה, טויזענטער גוים זענען אויך אינדערהיים מיט זייערע קינדער אז די מחלה זאל זיך נישט פארשפרייטן.

אבער אונז זענען אנדערש פון זיי, אונז זענען העכער פון דעם, אונז זענען מער פון דעם, אונז טוען דאס ווייל די תורה זאגט אונז 'ונשמרתם מאוד לנפשותיכם', די אייבירשטער זאגט אין די תורה אז מען זאל זיין א גומל חסדים טובים, טון גמילת חסד, דאס איז די סיבה פארוואס אונז טוהען דאס, נישט פאר קיין שום אנדערע זאך.

די גוי, יעדער טאג וואס גייט אריבער קרעכצט ער 'ווען קען איך שוין ארויס לאזען די קינדער'... אונז טוהען עס מיט א שמחה און מיט א פרייליכקייט, ווייל אונז טוהען די רצון ה', דער שמחה און פרייליכקייט דארף זיך איבערגיסען, אונזערע קינדער גייען עס איבערנעמען, זיי גייען עס באקומען פון אונז, די עיקר איז אז אונז דארפן זען אנצוהאלטען דאס פרייליכקייט אין שטוב.

ב.

# עס איז זייער שווער צו זיין איינגעשפארט

## מען דארף האבן אסאך געדולד

טייערע חשובע עלטערן, מיר דארפן אסאך חיזוק אין די טעג, דער אייבערשטער האט אונז אריינגעלייגט אין אזא מצב אז אונז דארפן זיין אינדערהיים מיט אונזערע קינדער, עס איז נישט גרינג, און נישט נאר עס איז נישט גרינג נאר עס איז זייער שווער, אונז זענען איינגעשפארט אינדערהיים, אין אסאך פעלער רעדט מען פון קליינע שטובער מיט פינף זעקס קינדער, עס איז זייער שווער.

קוים אין א נארמאלע טאג קענען אונז זיך אן עצה געבן די צוויי שעה אינדערפרי און די צוויי שעה ביינאכט, מען וויל זיי שוין ווי שנעלער לייגן שלאפן און מען זאל זיך קענען אביסל אפריען פון זיי.

אונז גייען יעצט זיין מיט די קינדער פאר א גאנצע טאג, נישט נאר איין טאג נאר אפאר וואכן, און נאך אין די אנגעצויגענע טעג פון פאר פסח.

סתם א יאר רופן די עלטערן אריין צו די מוסדות החינוך צו בעטן מען זאל האבן חדר די טאג פאר בדיקת חמץ, אבער דער יאר איז עס וואכן פאר בדיקת חמץ און די קינדער זענען שוין אינדערהיים.

אונז דארפן זיין גרייט פאר אלעם, אונז דארפן האבן די כוחות הגוף והנפש, און זיין שטארק צו קענען זיין הייליגע חשובע עלטערן פאר אונזערע קינדער.

## דער תקופה קען ברענגען גוטס אדער די פארקערטע

די ערשטע זאך וויל איך זאגן, אז אונזערע קינדער גייען געדענקן דער תקופה גאר גאר גוט!

אינגלעך געדענקן צומאל נישט זייער אייגענע אפשערן, און די מיידלעך געדענקן נישט זייער סידור שפיל אדער גראדועיש"ן, און

א קינד האט אמאל א משפחה חתונה, אבער א האלב יאר דערנאך געדענקן זיי שוין גארנישט.

די פאר וואכן וואס מיר זענען יעצט איינגעשפארט גייט זיין א זאך וואס זיי וועלן געדענקן זייער גאנצע לעבן, און אונז קענען אויספארעמען און אויסשטעלן, וואס אונז ווילן אז אונזערע קינדער זאלן געדענקן.

עס וועל זיין קינדער וואס וועלן געדענקן די לעכטיגע קאראנע ווירוס צייטן '**עס איז געווען אזוי פיין און אזוי געשמאק**', מ'האט אזוי שיין פארברענגט מיט די עלטערן, הלוואי זאלן אונזערע אלע קינדער אפאר וואכן ארום ווען מען וועט קענען צוריקגיין אין חדר, זאגן 'מאמי איך וויל נישט צוריקגיין אין חדר, עס איז געווען אזוי געשמאק אינדערהיים'.

אבער די ערגסטע זאך וועט זיין אויב די קינדער וועלן זאגן 'אה, איך ווער שוין פטור פון דער הויז און איך גיי אין חדר, דארט איז דא א געשמאקע רבי וואס האט געדולד פאר מיך און איז גרייט פאר מיך, מיין מאמע און טאטע האבן נישט געהאט קיין געדולד און נערוון'.

רבותי, אונז ווילן דאס נישט, און נישט נאר אונז ווילן נישט זיי זאלן געדענקן נישט גוטע זכרונות פון די טעג, נאר די יעצטיגע טעג קען זיי חלילה דעמעזשע"ן פאר זייער גאנצע לעבן. אויב אונז גייען עס נישט טון ריכטיג און אונז וועלן נישט געהעריג אויספלאנירן די יעצטיגע טעג, קענען מיר ח"ו שעדיגן אונזערע קינדער.

פארקערט קענען אונז נעמען אונזערע קינדער און זיי הייבן, זיי מחזק זיין, זיי געבן ווארעמקייט, זיי אוועקשטעלן אין לעבן.

די פראבלעם איז, אז אונז לעבן אין אזא דור און אין אזא תקופה, וואס אלע מחנכים זענען פארנומען אז אונז לויפן ארום די גאנצע לעבן און זענען פארנומען מיט אלע שוועריקייטן וואס איז דא אין לעבן, מען לויפט צו די ארבעט, מען איז פאריאגט און פארפלאגט, שמחות און חתונות פון שכנים און קרובים.

אבער יעצט האט אונז דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין אזא מצב אז אונז קענען זיין די רוהיג'סטע מענטשן, אונז זענען דא, אונז דארפן

נישט זיין נערוועז וואס גייט זיין מארגן, אונז קענען זיין פאר אונז אליינס רוהיג און גוט אויפגעלייגט, אונז קענען סייווי נישט טון עפעס צו טוישן די מצב אין די וועלט, איין זאך קענען אונז יא טון, טוישן די מצב ביי אונז אין שטוב, דאס איז עכט וואס אונז קענען טון.

ג.

# גייען אונזערע קינדער אויסקוקען ווי שם אדער חם ווען זיי גייען ארויסקומען פון די תיבה?

## נח איזאלירט פון די וועלט

ס'שטייט אין זוהר הקדוש (בראשית קפב ע"ב), אינטערעסאנט אז קיינער האט עס נאכנישט צוגעשטעלט צו דער מצב, זאגט די זוה"ק, אז אויב עס איז דא מגיפה אדער א חרון אף אויפן וועלט, זאל יעדער בלייבן אינדערהיים, נישט זיין קיין חכם און ארויסגיין אין די גאסן נאר אלע זאלן זיך איינשפארן.

און די זוה"ק לייגט צו, אז דער אייבערשטער נעמט זיינע גוטע אידן וואס ער וויל ראטעווען און ער הייסט זיי זיך איינשפארן, און די זוה"ק גיבט א משל, אז ביי די מבול, וואס דאס איז געווען א שעת מגיפה - אמאל שטארבט מען דורך א ווייררוס און אמאל דורך וואסער, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר נח 'שפאר דיך איין',

די אייבערשטער זאגט פאר נח: איך האב דיך ליב, איך וויל דיך ראטעווען, דו זאלסט נישט ווערן אנגעשטעקט מיט אלע אנדערע מענטשן.

איך וויל דו זאלסט דיך איזאלירן!!

אפשפארן פון די וועלט, נאר דו מיט דיין ווייב און קינדער...

און נח איז געווען די ערשטע מענטש אין די וועלט וואס איז געווען איזאלירט 'קווּאראנטירט'... ער מיט זיינע קינדער זענען געווען קווּאראנטירט אין די תיבה.

אין מדרש (בר"ר ל"ב) שטייט 'ויסגור ה' בעדו' משל לשר שקבע דרלמוסיא שלו במדינה, ונטל אוהבו וחבשו בבית האסורין, ונתן ספרגוס (חותם) שלו עליו.

פשט איז אז נח איז געווען אין א בית הכלא – א תפיסה.

די ערשטע קווארענטין אין די וועלט, אבער השי"ת זאגט איהם נישט ווי לאנג דאס גייט געדויערן. א וואך א חודש א יאר, ער ווייסט נישט, אבער טוט די רצון ה' בשלימות און בשמחה, און נח פארשטייט אז דאס איז נישט קיין עונש, פארקערט גאר, אזוי גייט זיין לעבן געראטעוועט ווערן.

## וואס טוט מען אין די תיבה?

מיט די גרעסטע מאס געדולד שטייט נח יעדע איינציגע טאג און גיבט זיך אפ מיט אלע בעלי חיים, פיטערט זיי איינמאל און נאכאמאל און מאכט זיכער אז עס פעלט זיי גארנישט.

יארן שפעטער טרעפט אברהם אבינו זיין עלטער זיידע שם בן נח און ער פרעגט איהם וויאזוי עס איז געגאנגען דארט? וויאזוי האבן ענק איבערגעטראגן די גאנצע צייט? קווראנטירט און איזלאירט כמעט א יאר צייט אין דער תיבה?!.

און אט אזוי האט שם געשילדערט זיינע איבערלעבענישן:

מיין טאטע און איך האבן זיך אפגעגעבן מיט אלע בעלי חיים, אונז זענען כמעט נישט געשלאפן, א גאנצע טאג געווען פארנומען.

עס איז דא געוויסע באשעפענישן וואס דארפן האבן יעדע דריי שעה, און עס איז דא געוויסע וואס דארפן האבן איין מאל אין זעקס שעה, צווישן אלע בעלי חיים אינאיינעם איז אויסגעקומען אז אונז זענען כמעט קיינמאל נישט געשלאפן, אבער אונז האבן געטון וואס אונז האבן געדארפט טון ווייל דאס איז די רצון ה'.

און אזוי יעדן טאג די זעלבע זאך, געטראכט וואס וויל היינט דער אייבערשטער פון אונז? ער וויל אונז זאלן בלייבן אפגעזינדערט פון די וועלט, און שפייזן זיינע באשעפענישן, און אונז האבן געטון בשלימות און אין דעם זכות זענען אונז ארויסגעקומען.

זיי האבן נישט געוואוסט וואס גייט זיין מארגן, זיי האבן נישט געוואוסט וואס גייט זיין איבערמארגן, אבער זיי האבן עס געטון מיט געדולד און הארץ.

## וואס קענען מיר ארויסלערנען פון די תיבה?

די וואך זענען אונז אלע אריין אין די תיבה, דער אייבערשטער האט אונז געזאגט אז מיר זאלן אריינגיין אין די תיבה, ס'הערשט א חרון אף אויף די וועלט, ס'איז ניתן רשות למשחית, אבער פאר אונז זאגט דער אייבערשטער אז ער וויל אונז היטן, און מיר זאלן אריין גיין אין די תיבה,

הייליגע טייערע חשובע טאטע'ס און מאמע'ס, אויב אונז ווען טון וואס נח האט געטון יעדן טאג, אונז האבן קליינע קינדער, גרויסע, און מער ערוואקסענע, סאיז דא וואס עסן יעדע צוויי שעה, עס זענען דא וואס עסן יעדע פיר שעה, אונז שלאפן נישט געהעריג ביינאכט, אונז זענען אין א תיבה, אבער אונז זאלן נישט זיין אנגעצויגן חס ושלום, נישט נערוועז, נישט צוקלאפט און צובראכן.

וואס וויל דער אייבערשטער פון אונז? דער אייבערשטער וויל אונז זאלן זיין נח און שם.

אבער איך וויל צולייגן, אז נח האט געהאט נאך א קינד, 'חם', ער איז אויך געווען אין די תיבה און חם האט עס נישט געקענט איבערטראגן, ער איז איזאלירט און אויסגעשפארט פון די וועלט, ער ווייסט נישט וואס טוט זיך אינדרויסן, און חם איז געווארן צו-ווילדעוועט און צולאזט אין די תיבה, און ווען מען איז ארויסגעקומען פון די תיבה איז חם געווען דעמעזש"ט פאר לייף, נישט נאר ער, נאר ער און זיינע קינדער און אייניקלעך עד היום הזה... חם אבי כנען, אלע שווארצע, אלע כושים, ווילדע באשעפענישן וואס אונז האבן היינט די אייניקלעך פון חם.

פארוואס? וואס איז די חילוק פון שם און חם?

שם האט געטון די רצון ה' ווען מען איז געווען איינגעשפארט, ער האט געטראכט יעדן טאג וואס וויל דער אייבערשטער פון מיך, און חם איז געווען צו-ווילדעוועט און ארויס פון די כלים, עס איז אפשר נישט געשען די ערשטע טאג, עס איז געווען די צווייטע אדער דריטע וואך, אבער ביי עפעס א פונקט האט ער געפלאצט, און ער און זיינע קינדער און אייניקלעך עד סוף כל הדורות זענען געבליבן געשעדיגט

און פארשאלטן, און פון שם איז ארויסגעקומען אברהם אבינו מיט אלע אידישע קינדער פון אלע דורות.

בינו נא והתבוננו כי בידינו הדבר!!!

ד.

# וויאזוי גייט מען אריבער די טעג מיט די קינדער?

## די שוועריגקייט

אונז גייען יעצט דורך אין אונזער לעבן איינס פון די שווערסטע נסיונות, לאמיר עס דורך גיין בשלימות! לאמיר קענען אייביג צוריק קוקן אויף די פאר חדשים פון אונזער לעבן מיט א געשמאק, נישט צוריק קוקן 'אוי, א שאד איך בין געווען אזוי אנגעצויגן, א שאד איך האב נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט אריינצוגעבן אין מיינע קינדער מער שמחה, לאמיר יעצט זיך כאפן און לאמיר עס טון ריכטיג'.

עס איז שווער! אונז ווייסן נישט ווי לאנג עס גייט נעמען, עס איז יעדע טאג שווער, נאך א שעה נאך א שעה, און נאך א טאג און נאך א טאג. און צומאל ווען די קינדער זענען נישט אין די כלים ווייסט מען נישט וויאזוי מען וועט עס קענען איבער טראגן.

## "נאר צען מינוט"

עס איז דא א מורא'דיגע מעשה וואס די הייליגע **סטייפלער גאון** האט פארציילט וואס איז געווען מיט אים אליין, וואס מיר קענען נוצן אין די יעצטיגע זמן:

ווען ער איז געווען אין רוסלאנד האט ער געדארפט נעבעך גיין אין די רוסישע ארמיי, ער האט געדאנקט דער אייבירשטער אז ער האט קיינמאל נישט געדארפט מחלל שבת זיין.

זיין ארבעט איז געווען אז ער האט געדארפט היטן א וואלד, אין די ביטערע פראסטיגע רוסישע קעלט, האט מען געדארפט שטיין א גאנצע נאכט און אכטונג געבן אויפן וואלד, די רוסישע ארמיי האט געהאט א ווינטער מאנטעל וואס דאס האבן זיי געניצט פאר די זעלנער, און מיט דעם האט מען זיך אביסעל אנגעווארעמט.

די סדר איז געווען אז דער סאלדאט האט עס געניצט ביי נאכט, און די נעקסטע צופרי ווען די סאלדאט איז אוועק געגאנגען האט ער עס אויפגעהאנגען אויף א הענגער און די סאלדאט וואס איז געקומען ביינאכט האט עס גענומען פון די הענגער און עס אנגעטוהן.

פארציילט די סטייפלער, איינמאל האט ער געדארפט קומען פרייטאג צונאכטס היטן, ער איז אנגעקומען צוויי דריי מינוט שפעט און די פריעדיגע סאלדאט איז שוין נישט געווען דארט, יענער סאלדאט האט אים נישט געקענט איבער געבן די מאנטעל אין זיינע הענט, האט ער עס אויפגעהאנגן אויף א בוים, און עס איז דא א הלכה אין שלחן ערוך אז שבת טאר מען זיך נישט משתמש זיין מיט א בוים, מען טאר גארנישט אראפנעמען פון א בוים, עס איז נישט קיין איסור דאורייתא נאר עס איז א איסור דרבנן און אוודאי פקוח נפש איז דאס דוחה.

אבער די סטייפלער זאגט, איך בין אהינגעקומען דארט און געטראכט צו מיר איך דארף אראפנעמען די מאנטל פון די בוים ווייל איך וועל נישט קענען אויסהאלטען אן דעם, עס איז נישט מעגליך, אבער איך וויל נישט עובר זיין אפילו אויף א דרבנן, אבער פקוח נפש איז דוחה, האט ער אבער געטראכט ביי זיך, יעצט איז שוין א פקוח נפש?, ניין, יעצט אויף די מינוט קען איך עס נאך אויסהאלטן, אפשר אין אפאר מינוט וועל איך ווערען פארפרוירען וועל איך עס דעמאלטס אראפנעמען, איז לאמיר פרובירן אן דעם...

עס איז אריבער צען מינוט און ער האט געטראכט די זעלבע זאך, '**נאך אפאר מינוט קען איך דאך אויסהאלטן**' און אזוי נאך צען מינוט און נאך צען מינוט, אזוי איז אריבער די גאנצע נאכט.

ער האט געזאגט אז צוריק קוקענדיג איז נישט מעגליך צו גלייבן, אז ער זאל קענען שטיין אין אזא פראסט די גאנצע נאכט אן די מאנטל, און אויב איך וואלט געטראכט ביי די אנהייב אז עס וועט זיין אזוי, וואלט איך עס קיינמאל נישט געקענט מאכן!

### אנגעקומען מיט 13 געלעכטער'ס!!!

**ר' יעקב גאלינסקי זצ"ל** האט פארציילט די מעשה פון די סטייפלער, און ער האט פארציילט די זעלבע זאך מיט זיך:

ער איז געבוירן געווארן אין די שטאט 'קריניק', ווען ער איז געווארן צוועלף יאר אלט האט ער געוואלט גיין אין די ישיבה אין נאווארדהאק, דאס איז געווען א לאנגע וועג, מיט איבערשטייגן א באן אינצווישן, און גיין נאך א גרויסע מהלך שפעטער, און ער האט נישט געהאט די געלט פאר די באן, האט ער געזאגט פאר זיין מאמע '**איך לאז מיר ארויס צו פיס**'.

שפעטער האט ער פארציילט אז ער איז אנגעקומען קיין נאווארדהאק מיט דרייצן געלעכטער'ס...

וואס הייסט דרייצן געלעכטער'ס, זאגט ער, איך האב אנגעהויבען צו גיין און איך האב געמאכט א חשבון אז פון קריניק ביז קיין קובנא צו גיין איז דאך ממש א געלעכטער, דאס קען איך טוהן, איז לאמיר גיין, אנקומענדיג דארט האב איך געטראכט אז פון קובנא צו די נעקסטע שטעטל איז דאך אויך א געלעכטער, און אזוי ווייטער, ביז ער איז אנגעקומען קיין נאווארדהאק, וואס קיינער וואלט נישט געזאגט אז מען קען עס מאכען צו פיס, און איך בין אנגעקומען מיט דרייצען **געלעכטערס...**

טייערע עלטערן! לאמיר דאס נעמען פאר אונז ווען אונז גייען דורך די יעצטיגע טעג, לאמיר טראכטן אז יעדער טאג איז נישט פיר און צוואנציג שעה, אכט און פערציג אדער צוויי און זיבעציג שעה, נאר לאמיר דורך גיין די טעג אזוי וואו די סטייפלער איז אריבער די נאכט, לאמיר נישט טראכטען צופרי 'אוי, נאך א גאנצע טאג, וויאזוי גיי איך קענען דורכמאכען די טאג'.

לאמיר נישט טראכטן אזוי, ווייל אונז וועלן נישט קענען דורכגיין די גאנצע טאג, עס איז נישט מעגליך, לאמיר טראכטן וויאזוי גיי איך קענען אריבערגיין נאך צען מינוט! 'וואס גיי איך טון מיט די קינדער אין די נעקסטע צען מינוט'.

לאמיר דורכגיין די יעצטיגע טעג מיט דרייצן געלעכטערס, לאמיר אויפשטיין צופרי און זאגן "**פון צען ביז עלף איז דאך נאר א געלעכטער, עס איז גארנישט, מען קען עס דורכמאכן**", אזוי וועט די טאג דורכגיין מיט דרייצן געלעכטער'ס, אזוי וואו ר' יעקב גאלינסקי איז אנגעקומען קיין נאווארדאק, אונז וועלען זען אז אויב מען וועט אזוי טראכטען וועט מען זיין די גליקליכסטע מענטשען.

ה.

# כרחם אב על בנים

## וואס מיינט א טאטע?

די טור מערקט אהן אז נאר ביי צוויי ברכות פון שמונה עשרה שטייט דאס ווארט "אבינו".

השיבנו אבינו לתורתיך, און סלח לנו אבינו כי חטאנו.

דאס מיינט א טאטע, דאס טוט א טאטע, ער איז מוחל פאר זיינע קינדער, און ער לערנט מיט זיינע קינדער.

לאמיר אויסשמועסן די צוויי זאכן.

## השיבנו אבינו לתורתיך

אידישע קינדער זענען מקיים אלע דברי חז"ל, ביי חסידים האט מען מקיים געווען אפילו די 'הוה אמינא' פון די גמרא, אזוי ווי שיתסר ושיבסר וואס מ'זאגט נישט קיין תחנון.

היי יאר גייען מיר אלע אויך אין די טעג מקיים זיין א הוו"א פון חז"ל.

**והגדת לבנך, יכול מראש חודש, תלמוד לומר ביום ההוא.**

מיר אלע גייען שוין פון ראש חודש ניסן זיצן אינדערהיים און מקיים זיין דעם והגדת לבנך.

עס איז דא תורה וואס גייט אריבער פון א רבי צו א תלמיד, און עס איז דא תורה וואס דארף אריבערגיין פון א טאטע צו א קינד,

**שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך.**

יעצט וויל די רבש"ע די תורה פון א טאטע מיט זיין קינד, די טאטע זאל דאווענען מיט איהם, לערנען מיט איהם אביסל עברי, חומש און משניות, איהם אנגרייטן צום הייליגן יו"ט פסח מיט די גרעסטע מאס געדולד.

**הגאון הרב שמואל הלוי וואזנער זי"ע** (זיין יארצייט איז ערב פסח) האט אמאל געזאגט ביי א חינוך דרשה אזוי:

מ'הערט אמאל ווי א איד זאגט, 'מיין טאטע האט מיך געזאגט, מיין טאטע האט מיך פארציילט, מיין טאטע האט מיט מיך געלערנט' דאס איז אזעלכע שטארקע ווערטער, וואס נאר א טאטע קען געבן פאר זיין קינד, און דאס בלייבט איינגעקריצט אין איהם זיין גאנצע לעבן.

### סלח לנו אבינו

אין נארמאלע אומשטענדן לערנען אונז די הייליגע חז"ל אז א מענטש זאל נישט מטיל זיין אימה יתירה בתוך ביתו, און ער זאל אלעס זאגן און באפעלן בניחותא, מיט א רוהיגקייט, כי היכי דליקבלינהו מיניה, כדי אז זיינע קינדער זאלן איהם וועלן פאלגן, און מקבל זיין זיינע ווערטער.

אודאי אין די היינטיגע מצב, ווען די קינדער זענען דערשראקן, און זיי האבן נישט זייער געהעריגע סדר היום, זיי פארשטייען נישט גענוי וואס ס'גייט פאר, דארף מען זיכער רעסן מיט זיי מיט א רוהיגע געלאסענע שפראך.

און בעיקר זאל מען זיי פארשטיין אפילו זיי פירן זיך נישט פונקטליך וויאזוי מיר וואלטן געוואלט, און לאמיר זיין א טאטע, סלח לנו אבינו.

אב שמחל על כבודו.

עס ליגט אין אונזערע הענט, מיר קענען מאכן אז די תקופה זאל זיין א צייט וואס די גאנצע משפחה גייט שטייגן בתורה, שטייגן אין מידות און בין אדם לחבירו, שטייגן אין אידישקייט.

ו.
# א אידישע מאמע!!!

## אם בישראל

אונז האבן שוין אמאל גערעדט איבער די מורא'דיגע שיינע אויסדריק וואס איז דא ביי אידן "**א אידישע מאמע**", מען האט נאך קיינמאל נישט געהערט א מענטש זאל זאגען 'א קריסטליכער מאמע', אדער איינער זאל זאגן 'א מוסלעמענער מאמע'... עס איז נישט דא אזא אויסדריק, עס איז נאר דא די אויסדריק 'א אידישע מאמע'.

עטס ווייסט וואס מיינט א אידישע מאמע, ס'שטייט ביי הגר ווען זי האט גענומען איהר קינד ישמעאל און זי איז ארויסגעגאנגען פון אברהם'ס שטוב צו די מדבר, און ישמעאל איז נישט געזונט געווארן און ער איז געווען קראנק, איז הגר געגאנגען '**ותשלח את הילד**' - זי האט אראפגעווארפן דאס קינד, '**תחת אחת השיחים**' - אינטער איינע פון די ביימער.

פארוואס האט הגר אראפגעווארפען איר קינד, ווייל זי האט געזאגט '**אל אראה במות הילד**' - איך וויל נישט זען וואו דאס קינד גייט שטארבן.

לאמיר אריינטראכטן וואס דאס מיינט, נאר הגר המצרי קען דאס טון, איר קינד האלט ביים שטארבןווארפט זי אראפ די קינד ווייל זי וויל נישט זען ווי ער שטארבט...

א אידישע מאמע וואלט דאס קיינמאל נישט געטון, מען לאזט נישט אפ דעם קינד קיינמאל אפילו אין די שווערסטע מצבים, נאר וואס וואלט די אידישע מאמע געטון, אויפגעלעבט דאס קינד, נישט געלאזט דער קינד שטארבן, זי וואלט אריינגעבלאזן א לעבעדיגקייט און א ליכטיגקייט, דער קינד וואלט געבליבן לעבן, דאס האבן אידישע מאמע'ס געטון בכל הדורות.

עס איז נישט דא קיין אומה ולשון וואס האט אזא זאך וואו "**א אידישע מאמע**".

## דבש וחלב תחת לשונך

עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז אש"ה - א פרוי, איז בגימטריא דב"ש – האניג, א אשה איז האניג, זי איז א זיסע זאך, האניג איז נישט נאר זיס פאר זיך, נאר אין יעדע מאכל וואס מען לייגט עס אריין מאכט עס זיס דער מאכל.

א פרוי קען זיס מאכן די ביטערסטע מצבים, אידישע מאמע'ס קענען זיס מאכן די יעצטיגע מצבים. לאמיר אריינלייגן אביסל האניג און עס זיס מאכן און לעכטיג מאכן, און זען אז אונזערע קינדער זאלן ח"ו נישט זיין קיין קרבן, נאר פארקערט, זיס און לעכטיג.

## בזכות נשים צדקניות נגאלו

אזוי וואו ביי גלות מצרים זענען מיר געהאלפן געווארן בזכות נשים צדקניות, אזוי אויך ביי נס חנכה און ביי נס פורים זענען די נסים געשעהן דורך די נשים צדקניות, אזוי יעצט וועלן מיר ארויסגיין פון גלות און געראטעוועט ווערן פון די יעצטיגע פראבלעמען און שוועריקייטן בזכות פון די נשים צדקניות!

די אייבירשטער קוקט אראפ פון הימל און ער זאגט 'קוק וואספארא פאלק איך האב, אין די שווערסטע צייטן פון די יאר, ווען די מאמע'ס זענען די מערסטע אנגעצויגן, פלוצלינג, איך זע נישט קיין אנגעצויגענקייט אין קיין איין אידישע שטוב, איך זע פריילעכע מאמע'ס, איך זע ליכטיגע אידישע עלטערן, וואס אין א נארמאלע יאר איז מען אפשר אנגעצויגען אין דעם צייט, יעצט האט יעדער אלעס געלייגט אין די זייט, יעדער איז אויפגעלייגט, פון יעדער אידישע שטוב שיינט ארויס א שמחה מיט די קינדער', אין דעם זכות פון די נשים צדקניות וועלן אונז געהאלפן ווערן זייער שנעל.

מענטשן זיצן אינדערהיים און עס דרייט זיך ארום כל מיני ווערטלעך, איין ווארט וואס איך האב געהערט וואס האט מיך מורא'דיג באנומען:

'אויב עס וועט נעמען נאך אפאר טעג וואס מען דארף זיין אינדערהיים מיט די קינדער, וועלן אונזערע מאמע'ס שנעלער ארויסקומען מיט א וואקסין פאר די ווירו"ס נאך פאר אלע גרויסע סייענטיסטן'...

רבותי, עס איז נישט קיין ווערטל, עס איז אזוי אמת'דיג, אידישע מאמע'ס קענען און קומען ארויס מיט א וואקסין קעגן יעדע שווערע זאך, אויב עס איז א מצב וואס אונזערע קינדער קענען זיין צובראכען וויל זיי הערן פון די גאס אלע נישט גוטע זאכן, גייען די אידישע מאמע'ס אריינגעבן א וואקסין אין אונזער קינדער, א וואקסין צו זיין פרייליך... א וואקסין אז זיי זאלן זיך נישט אנכאפן אין די אנגעצויגענקייט פון די גאס און די שווערקייטן פון די גאס.

אונז האבן דעם ספעציעלע וואקסין וואס אונז קענען געבן פאר אונזערע קינדער, און אין די שווערסטע מצבים האבן די אידישע מאמע'ס שטענדיג געגעבן און אריינגעלייגט א חיות און א לעבעדיגקייט אין אונזערע קינדער.

אידישע מאמע'ס האבען א כח וואס טאטעס האבן נישט, מען זעט עפעס אינטרעסאנט אין די לעצטע וואך, אלע מענער ליגען אין בעט און זענען נישט געזונט, מען הערט עס נישט אזוי ביי די פרויען, אסאך ווילן זאגן אז די פרויען האבן נישט די מחלה.

אבער די אמת איז אז זיי האבן עס יא, אוודאי האבן זיי עס, זיי האבען די ווירו"ס, אבער מענער ליגען אין בעט און די פרויען קענען נישט ליגען אין בעט, א פרוי קען נישט זיין קראנק... א פרוי איז נישט קיין חילוק וויאזוי זי זאל זיך שפירען קומט זי ארויס פון בעט און זי געבט זיך אפ מיט די קינדער, זי האט נישט קיין צייט צו זיין קראנק... דאס איז א אידישע מאמע, און נאר אידישע מאמע'ס האבן די כוחות.

דער אייבערשטער זאל אונז העלפן מען זאל ווייטער האבען די כוחות, און קענען אויפטון וואס מען דארף גרינגערהייט, און עס זאל שוין נאר זיין בשורות טובות, אמן.

ז.

# ווי איז דער אייבערשטער יעצט?

## נישט דא קיין בית המקדש

נאך א נקודה וואס מען דארף אריינטראכטן יעצט, ווען די הייליגע בית המקדש איז געשטאנען איז געווען דארט השראת השכינה, די הייליגע שכינה הקדושה האט גערוהט מיט אונז, עס איז געווען א כהן גדול וואס האט מקריב געווען קרבנות, עס איז געווען א מזבח ווי מען האט מקריב געווען א קרבן תמיד יעדע אינדערפרי און ביינאכט. מען האט אנגעצינדן א מנורה און מען האט מקטיר געווען די קטורת.

אונז ווייסן אלע אז פון ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן האט דער אייבערשטער כביכול נישט ווי צו זיין, אבער דער אייבערשטער וויל נאך אלץ זיין מיט אידישע קינדער, ווייסט עטס ווי דער אייבערשטער איז געגאנגען? אין בית המדרש.

יעדע בית המדרש איז געווארן א "בית המקדש מעט", און אז עס גייט צו א בעל תפלה אינדערפרי ביי שחרית איז ער מקריב דערמיט א קרבן תמיד פון צופרי, ביי מנחה גייט צו א בעל תפלה איז עס קעגן די קרבן תמיד של בין הערביים. אין יעדע בית המדרש צינדט מען אן לעכט ביי די עמוד ווי די בעל תפלה דאווענט, דאס איז קעגן הדלקת נרות המנורה פונעם כהן גדול, און ווען מ'לערנט אין בית המדרש איז עס כאילו הקריב קרבן.

## נישט דא קיין בית המדרש

אבער רבותי, דאס איז די ערשטע מאל זייט די בית המקדש איז חרוב געווארן, וואס אין די גאנצע וועלט, יעדער בית המקדש מעט, יעדע בית המדרש, איז פארשלאסן!

ווען עס איז געווען די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה איז אין ארץ ישראל אנגעגאנגען ישיבות, און אין אמעריקע זענען אנגעגאנגען די בתי מדרשים, יעצט איז די ערשטע מאל וואס יעדע בית המדרש איז פארמאכט.

איז וואס מיינט מען, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, איך האב מער נישט וואו צו זיין, איך גיי ארויף אין הימל?

ניין, דער אייבערשטער איז נאך אלץ דא. ווי איז טאקע דער אייבערשטער יעצט? א בית המקדש איז נישטא, א בית המדרש איז אויך נישטא, איז דער אייבערשטער יעצט אין יעדע אידיש שטוב! דער באשעפער וואס איז ביז יעצט געווען אין בית המדרש, זאגט יעצט 'אויס בית המדרש, איך וויל זיין ביי דיר אינדערהיים'!

דער אייבערשטער וויל אריינקומען ביי אונז, ער קלאפט אויף אונזער טיר, און אונז עפענען נישט די טיר די טעג פאר קיינעם, אבער פארן אייבערשטן עפענען אונז יא די טיר.

## די עקרת הבית די כהן גדול!

אוודאי ווען די טאטע מיט די בחורים און קינדער לערנען און דאווענען אינדערהיים טוהן זיי די עבודה פון די בית המקדש.

אבער טייערע מאמעס, ווער איז די כהן גדול אין דער אידישער שטוב? די עקרת הבית, די מאמע פון דער שטוב!

ווען זי מאכט פרישטיג יעדן צופרי איז זי מקריב די תמיד של שחר, ווען זי מאכט נאכטמאל איז זי מקריב די תמיד של בין הערבים, ווען זי זעצט זיך אראפ אינמיטן טאג מיט די קינדער און זי פארציילט זיי א שיינע מעשה, א מעשה פון א צדיק, איז זי מקטיר קטורת, עס גייט ארויף א ריח ניחוח, די אייבערשטער האט הנאה דערפון.

ווען זי זעצט זיך אראפ מיט איר דריי יעריג אינגל אדער פינף יעריגע מיידל און זי דאווענט מיט זיי, זי זינגט מיט זיי 'והערב נא', צינדט זי אן די מנורה, זי צינדט אן אירע קינדער, דאס איז איר מנורה, דאס איז די לעכט, '**נר ה' נשמת אדם**', זי צינדט אן די נשמות.

טייערע אידישע מאמע'ס, איר זענט געווארן פון א אשה צדקנית, פון א אם בישראל, זענט איר געווארן אין אפאר טעג א כהן גדול, ענק צינדן אן מנורות און ענק זענען מקטיר קטורת און ענק זענען מקריב די קרבן תמיד, ווייל עס איז נישטא עפעס אנדערש, דער אייבערשטער

האט נישט קיין בית המקדש, ער האט נישט קיין בית המדרש, ער האט א הויז, ער האט א אידישע שטוב.

און דער אייבערשטער האט ענק געטרויט מיט די עבודה, ער וויל ענק זאלן זיין די כהן גדול. טוט'ס די עבודה בשלימות. איין טובה בעט איך, די קינדער זאלן נישט זיין קיין קרבנות... דאס איז די ערגסטע ח"ו, פונקט פארקערט, קינדער זענען אידישע נשמות, מען גייט זיי אויפהייבן, מען גייט וואקסן מיט זיי, דאס איז אונזער עבודה, דאס איז אונזער בית המקדש, דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז היינט.

אידישע קינדער טוען אלץ וואס דער אייבערשטער בעט, ווען אונז זענען געווען אין מדבר האט דער אייבערשטער געוואלט א משכן, ווען אונז זענען געווען אין ארץ ישראל האט דער אייבערשטער געוואלט א בית המקדש, יעצט אז דער אייבערשטער האט צוגעשפארט די בתי מדרשים וויל דער אייבערשטער זיין אין די אידישע שטובער.

טייערע מאמעס, אונזערע קינדער בעטן זיך ביי אונז, אונז זאלן מאכן א לעכטיגע בית המקדש, לעכטיגע קטורת, מיט די עבודה, און קרבנות, און אנצינדן די מנורה.

## ח.
# על מה עשה ה' ככה??

### מה חרי האף הגדול הזה?

אידישע קינדער פרעגן, יעדער וויל וויסן, על מה עשה ה' ככה? פארוואס האט די רבש"ע געברענגט אזא צרה? מה חרי האף הגדול הזה?

עס איז דא וואס זאגן אז עס איז געקומען צוליב די עבירה אדער די עבירה, זה בכה וזה בכה.

אבער טייערע אידישע קינדער, הבה ונתבונן, לאמיר זעהן וואס יונה הנביא האט געזאגט אין אזא מצב.

ווען יונה הנביא איז געווען אויפ'ן שיף קיין תרשיש, און עס האט אויסגעבראכן א שטארקע שטורעם ווינט, און די שיף האט זיך געהאלטן ביים צוברעכן פון די ווילדע וואלן.

די גוים אויפ'ן שיף האבן זיך צוזאמגעזעצט צו זעהן ווער עס איז שולדיג אין דעם, זיי האבן געווארפן גורל צו וויסן צוליב וועמענ'ס עבירות האט די באשעפער פון די וועלט געברענגט די שטורעם.

**'ויאמרו איש אל רעהו לכו ונפילה גורלות ונדעה בשלמי הרעה הגדולה הזאת לנו'.**

### בשלי הסער הגדול הזה

יונה הנביא זאגט אבער איך ווייס פארוואס דאס האט פאסירט, איך בין שולדיג, איך האב מיך פארזינדיגט פאר די באשעפער פון די וועלט.

**'יודע אני כי בשלי הסער הגדול הזה עליכם'**

דאס איז די ריכטיגע בליק אין אזא צייט, ווען עס איז דא א חרון אף פון הימל, נישט זוכן ווער עס איז שולדיג, נישט זוכן ווער עס האט געזינדיגט, נאר יעדע איד דארף אריינקוקן אין זיינע אייגענע מעשים, לב

יודע מרת נפשו, יעדער ווייסט וואס ער דארף מתקן זיין.

יעדער זאל זאגן ווי יונה הנביא האט געזאגט 'יודע אני כי בשלי הסער הגדול הזה עליכם', קוקן נאר אויף וואס ער קען מתקן זיין און נישט זוכן יענעמ'ס פראבלעמען.

עס איז דא א טייער ווארט פון די **אהבת ישראל מ'וויזניץ** זי"ע, וואס האט געפרעגט אויף דעם וואס מ'פירט זיך ערב פסח צו פארברענען אויך די ליכט מיט וואס מ'האט בודק חמץ געווען.

בשלמא די לעפל מיט די פעדער פארברענט מען, עס האט דאך אנגערירט די חמץ, אבער די ליכט האט מען דאך נאר גענוצט צו זוכן?

האט ער געענפערט:

**עפעס וואס האט געהאלפן זוכן חמץ ביי אידישע קינדער דארף מען פארברענען....**

לאמיר זיך טאקע מקבל זיין צו פאררעכטן די אייגענע מעשים, און נישט זוכן חמץ ביי יענעם, ושנראה כל אחד מעלת חבירינו ולא חסרונם.

## ט.
# כי טוב ה' לכל

### מאתו לא תצא הרעות

אידישע קינדער ווייסן אז הקב"ה איז גוט, און ער טוט נאר גוט'ס, די אייבערשטער איז א טוב ומיטיב, און דער אייבערשטער האט ליב זיינע אידישע קינדער, וכל מה דעביד רחמנא לטב עביד.

אמאל טוט הקב"ה א זאך וואס נעמט יארן צו פארשטיין פארוואס דאס איז געשען, אין די היסטאריע פון כלל ישראל זעט מען אזוי, דער אייבערשטער האט געברענגט א הונגער אויף גאנץ ארץ ישראל, פאר איין זאך כדי אז אברהם אבינו זאל אראפגיין קיין מצרים.

דער אייבערשטער טוט אמאל א זאך וועגן איין געוויסע זאך, ווען די מרגלים זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל וואס האבן זיי געזעהן דארט? '**ארץ אוכלת יושביה הוא**', זיי האבן געזאגט אז ארץ ישראל איז א לאנד וואס יעדער שטארבט דארט, עס איז געווען דארט א שרעקליכע מגיפה, חז"ל זאגן אז וואו זיי האבן געקוקט האבן זיי געזען א לויה, זיי האבן געמיינט אז הקב"ה איז שלעכט, דער אייבערשטער ברענגט מגיפה'ס.

זענען זיי צוריק געקומען און געזאגט אז עס איז דא דארט א מגיפה, און אלע האבען געוויינט, דערווייל זאגט דער אייבירשטער "איך האב געמאכט א מגיפה אין ארץ ישראל נאר פאר ענק, אז זיי זאלען זיין פארנומען און נישט קוקן אויף ענק".

און אנשטאט מען זאל דאנקן אויף די גוטס, וואס דער אייבערשטער האט געטון, טייטשען ענק עס אויס אויף שלעכטס.

רבותי, אונז ווייסן נישט, אונז זענען נישט אין הימל, קען זיין אז עס איז געווען טעראריסטן וואס האבן געפלאנט טעראר אטאקעס, דער אייבערשטער האט געוואלט אפשטעלן די גאנצע וועלט, יעדער זאל זיין

פארנומען מיט דער ווירוס, אזוי אז זיי וועלן נישט קענען טראכטן צו מאכן שלעכטס פאר אידן, איך ווייס נישט, עס איז דא אזוי פיל זאכן וואס מען קען טראכטן, דאס איז געווען דעמאלטס ביי די מגיפה אין ארץ ישראל ווען די מרגלים זענען געקומען.

עס איז זיכער אז וואס ס'פאסירט יעצט איז פאר אונזער טובה, אונז פארשטייען נישט, ווען אונז וואלטן יעצט געוויסט די סיבה פון דער מגיפה, וואלטן אונז מסתמא היינט דאנערשטאג נאכט ראש חודש ניסן ביינאכט אנגעטון בגדי שבת, און געמאכט א גרויסע סעודה מיט הויכע מוזיק, און געטאנצן און געלויבט דער אייבערשטער אז עס איז דא א מגיפה...

אונז ווייסען נישט וואס עס איז, ממילא מאכן אונז נישט דעם סעודה, אם ירצה השם איין טאג וועלן אונז שוין וויסן און פארשטיין, אבער אונז גלייבן שוין יעצט און ווייסן אז עס זיכער גוט פאר אונז.

הכל בחשבון.

## די גוטס וואס מען זעט דא

חשוב'ע טייערע אידישע קינדער, אונז דארפן זען די גוטס פון יעדער זאך - במשך די היסטאריע אין די לעצטע פאר טויזענט יאר איז זייער אסאך מאל געווען מגיפה'ס ביי אידישע קינדער, אונז קוקען אין די ספרים זעט מען נעבעך אז אסאך אידן זענען געשטארבן במשך די יארן פון מגיפה'ס, רוב מאל זענען די מגיפה'ס געווען קינדער מגיפה'ס, בעיקר האט עס רוב מאל געשאדט פאר קינדער, ביי קינדער האט זיך עס די מערסטע אריבערגעכאפט איינער צום צווייטן.

עטס ווייסט וואס דאס מיינט אז א יעדע טאג איז געווען לויה'ס פון קינדער ל"ע, די שוועריקייט פון איינשפארען קינדער איז סאך שווערער וואו איינשפארן ערוואקסענע, ווייל ערוואקסענע פארשטייען אז עס איז זייער טובה, קינדער פארשטייען נישט אייביג.

יארן צוריק איז געווען א קינדער מגיפה אין ארץ ישראל און מען האט געמאכט געצעלטן אינדרויסן פון שטאט פאר די קינדער און זיי

זענען דארט געווען אליינס אינגאנצען, די עלטערן זענען נישט געווען דארט, מען איז געקומען יעדע טאג פון דערוויטענס און מען האט געווארפן עסן, די קינדער האבן נעבעך יעדן טאג ארויסגעלייגט אפאר קינדער וואס זענען אומגעקומען רח"ל, ביטער שלעכט איז געווען.

אונז דארפן זען די ליכטיגקייט פון דעם חושך, עס איז געגנוג ביטער יעצט, ליידער האט עס שוין געקאסט אידישע קרבנות, אבער מען דארף דאנקן דער אייבערשטער אז עס שאדט נישט פאר די טייערע קינדערלעך, די סייענטיסטן ווייסן נישט פארוואס עס כאפט זיך נישט ארויף אויף קינדער, מען האט אזוי מורא געהאט וואס וועט זיין מיט די קינדער,

ב"ה, מען דארף דאנקען דער אייבערשטער אויף דעם און בעטן אז עס זאל נישט צורירן קיינעם, אבער דערווייל אז אונזערע קינדער קענען זיין אינדערהיים און זיין מיט אונז, אונז קענען זיך שפילן מיט זיי, זיין פרייליך מיט זיי, דאס איז איינע פון די זאכן וואס אונז דארפן טאנצן און דאנקן פאר דעם.

דער אייבירשטער וויל מען זאל בעטן און רעדן מיט אים, מען זאל אים לויבן, מען זאל אים דאנקן, מען זאל זען די גוטס אפילו אין די גרעסטע שלעכטס, און מען דארף דאנקן אויף דעם.

אפילו די אידן אין אוישוויץ האבן געטראפן אויף וואס צו דאנקן, און די אידן וואס האבן געזוכט די אור אין די חושך האבען עס איבער געלעבט, אונז זעהן ב"ה אליינס וואס מען דארף דאנקען דער אייבירשטער.

## י'.

# די חינוך פון די איצטיגע טעג

### חינוך דורכצוגיין שוועריגקייטן אין לעבן

איין קליינינגקייט וואס איך וויל נאך רעדן, איך מיין אז דער עיקר וואס די טייערע עלטערן גייען אריינלייגן אין זייערע קינדער וואס גייט בלייבן ביי זיי א גאנצע לעבן, איז אין די איצטיגע טעג.

אין נארמאלע יארען און אין א נארמאלע צייט, זענען מיר מחנך די קינדער, מען לערנט זיי אויס צו דאווענען, מען לערנט זיי אויס צו לערנען, מ'לערנט מיט זיי מידות טובות, וויאזוי צו זיין א מענטש בין אדם לחבירו, אזוי זענען מיר מחנך אונזערע קינדער.

אבער איין זאך וואס די לעצטע פופציג אדער זעכציג יאר איז געווען זייער שווער, אז אונז האבן נישט מחנך געווען אונזערע קינדער צו דורכגיין שוועריקייטען אין זייער לעבן.

אלע מחנכים און פסיכיאלאגן זענען פארנומען אין די לעצטע פאר יאר אז אונז לעבן אין זייער א ספויל"ד דור... עס איז דא אזוי סאך גיטין, אזוי סאך נישט צופרידענע בחורים, נישט צופרידענע מיידלעך, אזוי סאך מענטשן וואס דארפן נעבעך זיין אויף מעדיצינען פאר נערוועז פראבלעמען.

דער סיבה דערצו איז, ווייל אונז זענען נישט געבויט געווארן צו לעבן מיט א שווערע לעבן, וואס אונז האבן געדארפט האבן אונז אייביג באקומען, אונזערע קינדער באקומען אלעס פון אונז, ווען זיי ווינען נאך אביסל - באקומען זיי עס, וויפיל אונז ווילן זיין שטרענג צו די קינדער - סוף דבר געבן אונז זיי אלעס.

זיי האבן די בעסטע אפיקומן, און די טייערסטע מתנות, זיי פארן און קומען, זיי האבן די טייערסטע קליידער, עס פעלט זיי קיינמאל גארנישט, א קינד קומט נאר אהיים פון חדר אדער שולע מיט א קליינע

קרעכץ - א מינוט שפעטער רופט שוין דער טאטע און דער מאמע, די רבי מיט די מנהל מיט די טיטשער מיט די פרינסיפל **'מיין קינד האט געקרעכצט, אפשר דארף מען זען אז די מלמד זאל טוהן אזוי, און אז די חברים זאלן טון אזוי'.**

אונז שטעלן צו פאר אונזערע קינדער די שענסטע און די בעסטע, און זיי זענען נישט געבויעט אדורך צו גיין שוועריקייטן, און ווען מען שיקט זיי ארויס פון די הויז און זיי האבן חתונה, די ערשטע שוועריקייט וואס מאכט זיך, אפילו א קלייניגקייט, זענען זיי שוין אויס-מענטש, זיי זענען נישט געבויט צו קענען דאס דורכגיין, און דארט קראכט אלעס רח"ל.

רבותי, עס איז זייער שווער אין נארמאלע צייטן צו זאגן פאר מאמע'ס **'לערן אויס דיינע קינדער דורכגיין שוועריקייטן'**, ווען מען זיצט אויף א גאלדענע שיסל און מען האט אלעס, וואס זאל די מאמע טון, צונעמען פון דער קינד? די קינד האט אלעס, וויאזוי קען מען דאס אויסלערנען פאר א קינד?! מען קען רעדן, דערציילן מעשיות אז אפילו ווען עס איז נישט גוט זאל מען זיך אויך קענען האלטן, און מען זאל זיך מחזק זיין, אבער מען לעבט נישט דערמיט.

## זיין צופרידן מיט וואס מען האט!

יעצט איז דא איינמאל א געלעגנהייט וואס עלטערן פון די לעצטע פופציג יאר האבן עס נישט געהאט, אונז האבן עס נישט באשטעלט, אבער אויב אונז האבן עס - לאמיר עס אויסניצן.

אונז קענען יעצט אויסלערנען אונזער קינדער און דאס גייט זיי בלייבן א גאנץ לעבן, אז אפילו עס איז נישט דא אלעס וואס מען דארף, קען מען זיין צופרידן.

אונזערע קינדער זענען לאנגווייליג און זיי דארפען חברים, מען לאזט זיי נישט גיין שפילן מיט די חברים, אונזערע קינדער רעדן וואו מען גייט גיין חול המועד, מען דארף זיי זאגן אז אפשר וועט מען נישט גיין, אונזערע קינדער ווילן גיין אין געשעפט קויפן זאכן, קינדער ווילן האבן נייע זאכן יעדער טאג.

אונז האבן יעצט די געלעגנהייט זיי אויסצולערנען, און זיי געבען דעם כוח און שטארקייט אז נישט אלעס דארף מען האבן אין לעבן!

אבער נישט מיט א זויערקייט, **'אוי נעבעך עס איז א שווערע מגיפה, מען קען די זאך נישט האבן'**... נאר מיט א פרייליכקייט, פארציילן זיי וואו דיין עלטער באבע האט אויך נישט געהאט, מיין באבע פלעגט דערציילן אז זי האט געבעטן פאר אפיקומן א מאראנץ, און זי האט עס אפילו נישט באקומען...

פארציילן זיי אביסל וויאזוי מען האט אמאל געלעבט, און אז מ'דארף דאנקען דער אייבירשטער פאר וואס מען האט יא, מען האט טאקע נישט אלעס אבער מען האט כמעט אלעס, און מען איז די זעלבע צופרידן.

די פאר וואכען, וואס אונז האבען נישט געהאט ווען אונז זענען געוואן קינדער, אפשר איז דאס וואס פעלט אונז, אונזערע קינדער האבן עס ב"ה יעצט, איך זאג **"ברוך השם"**, ווייל אויב עס איז אזוי - איז עס זיכער לטובה.

לאמיר ארייגלייגן אין די יעצטיגע פאר וואכן אין די קינדער די שטארקייט פאר זייער גאנצע לעבן, אז ווען עס מאכט זיך עפעס וואס מען האט נישט, איז מען נאך אלץ נארמאל, מען גייט נישט אראפ פון זינען, מען פארשטייט א צווייטן, מען וואוינט מיט א צווייטן וואכן לאנג, מען לערנט זיך אויס וויאזוי איין ברודער געט זיך אן עצה מיטן צווייטן, איין שוועסטער מיטן צווייטן.

ביז יעצט פלעגט מען זאגן ווען זיי זענען זיך נישט אויסגעקומען 'דו גיי אין דעם צימער און דו גיי אין דעם צימער, ער גייט שוין באלד אין ישיבה, און ער גייט שוין באלד שלאפען', יעצט איז נישט דא די אלע זאכן, מען איז צוזאמען א גאנצע טאג, לאמיר זיך אויסלערנען וויאזוי צו לעבן מיט א צווייטע מענטש, וויאזוי צו נאכגעבען און וויאזוי צו זיך בייגן.

אונזערע קינדער וועלן אונז זיין דאנקבאר, אונז גייען זיי געבן יעצט די בעסטע אפיקומן, די בעסטע מתנה וואס גייט זיי באגלייטן א גאנץ

לעבן, אונזערע קינדער וועלען נישט זיין די ספויל"ד דור אזוי ווי ביז יעצט, אונזערע קינדער גייען אם ירצה השם ארויסקריכן פון דעם שטארק און געזונט באמת.

יא.

# אויסנוצן די תקופה אויפ'ן בעסטן אופן

### קשר מיט אונזערע קינדער

לאמיר האבן די שכל און לאמיר אויסנוצן דער תקופה, לאמיר נישט צוריק קוקן און וויינען **'איך האב געקענט אויפבויען אזא קשר מיט מיין קינד'.**

אונזערע עלטערן האבן נישט געקענט האבן דער קשר, ווייל זיי האבן נישט געהאט די צייט. און עס פעלט אונז היינט דאס, לאמיר כאטש עס געבן פאר אונזערע קינדער, מען האט עס אונז געגעבן פון הימל, לאמיר נישט קוקן דערויף ווי א עונש, לאמיר קוקן דערויף ווי א זאך וואס מען קען אויסנוצן אויף גוטס.

לאמיר פארברענגען מיט אונזערע קינדער, אונז וועלן זיי קענען און זיי וועלן אונז קענען - זייערע שוואכקייטן, זייערע גוטסקייטן, זייערע שטארקייטן.

די מלמד קומט אריין אין א קלאס פון דרייסיג קינדער, עס איז דא פינף בעסטע קינדער וואס קענען די לימודים, עס זענען דא פינף בעסטע קינדער וואס קענען עברי.

אבער יעצט אינדערהיים זענען נאר דא אונזערע קינדער, די צען יעריג קינד איז די בעסטע צען יעריג קינד וואס איך האב נאר אינדערהיים, און מיין פינף יעריג קינד איז מיין בעסטע פינף יעריג קינד, לאמיר זיי געבן ליבשאפט, אונז וועלן זיי שטארקן, נאר ווען די אלע קינדער וועלן זיין געזונט שטארק, דעמאלטס וועט משיח זיכער קומען.

לאמיר מאכן שיעורים מיט אונזערע קינדער, צוואנציג מינוט א טאג מיט יעדע קינד, לאמיר מאכן סיום'ס מיט אונזערע קינדער, א סיום אויף תהלים, מען זאל זאגן מיט די קליינע קינדער איין קאפיטל תהלים א טאג, און מען וועט מאכן א גרויסע סיום אי"ה, לאמיר אויסנוצן די

צייט אויף גוטס!

לאמיר געדענקן אז אונזערע קינדער וועלן געדענקן די איצטיגע תקופה זייער גאנצע לעבן, און זיי גייען דאס פארציילן פאר זייערע קינדער און אייניקלעך...

אונז דערציילן יעצט פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך וואס אונזערע זיידע'ס האבן אונז פארציילט וואס עס איז געווען מיט זיי בשעת די מלחמה, און זיי גייען פארציילן וואס עס איז יעצט געווען.

לאמיר זיי געבן די בעסטע צייט פון זייער לעבן!!

## לעבן מיט די היינט

אונז ווייסן נישט וואס עס גייט זיין מארגן, און דאס איז די שיינקייט פון די יעצטיגע מצב אז מען קען נישט פלאנירן גארנישט, פרויען האבן אין זיך א תכונת הנפש אז מען פלאנט אלץ פאר די מארגן, מיטוואך פלאנט מען פאר שבת, חמשה עשר בשבט טראכט מען פון פורים, ראש חודש ניסן גרייט מען שוין אן פאר פסח, אבער יעצט קען מען גארנישט פלאנען ווייל מען ווייסט נישט וואס עס גייט זיין מארגן.

לאמיר נעמען יעדן טאג פאר זיך און דאס אויסנוצן, איך האב נישט קיין מושג וואס עס וועט זיין מארגן, היינט לעב איך פאר היינט און לאמיר טון וואס איך דארף היינט טון.

די פלאנירן פאר מארגן מאכט אז מען פארלירט די היינט, אונז קענען נישט טוישן די מארגן, און אונז קענען יעצט נישט אויסשטעלן די מארגן, איז לאמיר נישט פארלירן די היינט, נאר היינט פרייליך מאכן די קינדער, היינט זיס מאכן פאר די קינדער.

## מען גייט דורכפאלן! אבער די עיקר מען זאל גיין ווייטער

טייערע עלטערן, נאך הערן דער שמועס וויל אוודאי יעדער זיין גוט, און מען וויל האבן גוטע טעג, און זיין די בעסטע טאטע און מאמע.

אבער לאמיר זיין גרייט אויף די דורכפאלן, ס'גייט זיין טעג וואס מיר

גייען עס נישט איבערטראגן, מיר גייען שרייען אויף די קינדער, און מען וועט פלאצן און קראכן און מען וועט צוזעצט ווערן...

עס איז נארמאל, עס איז גארנישט געשען.

לאמיר פרובירן א שעה שפעטער צו אנהייבן פון ניי, אויב עס ארבעט נישט א שעה שפעטער, איז כאטש מארגן, קוק נישט אויף דיר ווי א דורכפאל ווייל יעצט ביסטו דורכגעפאלן, עס מיינט גארנישט, מארגן הייבט מען אן א נייע טאג.

**'מארגן הייב איך אן א נייע טאג, מארגן וועל איך זיין די טיטשער מיט די פרינציפעל, די מנהל מיט די מלמד, מארגן וועל איך זיין די חברותא פאר מיין קינד און מארגן וועל איך זיין פריוואטע מלמד פאר מיין קינד'.**

וואס מיין קינד דארף וועל איך מארגן זיין, נישט קיין חילוק וואס ס'איז געווען נעכטן.

אונז אלע וועלן פלאצן אין געוויסע מצבים, אונזערע קינדער האבן אין זיך דער כח אונז ארויסצונעמען פון די כלים, אבער מארגן וועל איך אנהייבן פון ניי, מארגן וועל איך זיין געהעריג.

לאמיר בעטן יעדן טאג א קורצע תפלה 'רבונו של עולם געב מיר די כח און די געזונט, צו זיך אפגעבן מיט מיינע קינדער, און מיינע קינדער זאלן מיך נישט קענען ארויסנעמען פון די כלים, און אויב יא זאל איך מיך קענען מחזק זיין'.

## זיין פרייליך אין דערהיים

מיר הערן ליידער שרעקליכע זאכען, בשורות קשות ורעות חדשים לבקרים, עס האט שוין רח"ל געקאסט אידישע נפשות יקרות וואס זענען פארשניטן געווארן, און מיר דארפן איינרייסן און שפאלטן הימלען, למנוע משחית ומגיפה מעלינו ומעל כל בני ישראל.

אבער אונז דארפן אויפשטיין צופרי ווען די קינדער שלאפן נאך, און זיך אויסוויינען ביי א תהלים, און אזוי אויך ביינאכט נאך די קינדער גייען שלאפן - נעמט מען ארויס א תהלים און מען פארגיסט טייכן

טרערןלפני אדון כל.

אבער ווען די קינדער זענען אויף זאלן זיי נישט זען אויף אונז וואס עס גייט פאר אין די גאס, זיי דארפן נישט וויסען און זיי טארן נישט מיט האלטן!

זיי נעמען עס אויף אנדערש ווי ערוואקסענע, זיי הערן גוט אפילו אונז מיינען אז זיי האלטען נישט מיט, עס איז זייער נישט געזונט אויף די מינוט, און עס איז זייער נישט געזונט אויף קיינמאל.

פארנט פון די קינדער זאל מען נאר זיין פריילין און אויפגעלייגט, פרובירן צו מאכן אז זיי זאלן זיין פריילין, זיי זאלן טאנצען, אדער שפילן עפעס א לעבעדיגע שפיל, דאווענען מיט א שמחה, אין די זכות און אין די כח פון די שמחה וועלן מיר זיכער געהאלפן ווערן.

דער אייבערשטער וועט העלפן אז מען וועט האבן א לעכטיגע שבת, א שבת וואס מען וועט זיין אינדערהיים און זינגען מיט די קינדער זמירות, אונז האבן נישט ווי צו לויפן און צו גיין.

מען האט זיך שוין געגרייט אויף די לאנגע שבת נאכמיטאג'ס וואס קומען אז מען וועט דעמאלטס גיין באזוכן דעם און יענעם, אבער למעשה גייט מען נישט צו קיינעם... מען איז אינדערהיים א לאנגע שבת נאכמיטאג און מען זינגט און מען טאנצט מיט די קינדער, מען פארברענגט מיט זיי, מען פארציילט זיי מעשיות.

## וויסן וואס איז ריכטיג און וויכטיג

די עיקר וואס איך וויל רעדן איז, טייערע מאמע'ס פון אידישע קינדער, אונז לעבן יעצט אין א צייט וואס עס קומט ארויס וואס די ריכטיגע זאך איז און אונזער לעבן, אונז וויסן אייביג וואס איז ריכטיג, אבער אונז זענען געווארן נאכגעשלעפט נאך די וועלט, שטעלנדיג אסאך מאל די קליידער אדער די שיך אלס די וויכטיגסטע זאך.

עס טוט זייער וויי, און מ'דארף עס אויסשמועס'ן, מען האט ליידער פארמאכט תלמוד תורה'ס, מען האט פארמאכט מיידל סקול'ס, מען האט פארמאכט בתי מדרשים און אידישע קינדער דאווענען נישט מיט

מנין, אבער אין די שיך סטאר'ס איז נאך היינט געווען פערציג פופציג פרויען אויף אמאל, מען דארף דאך קויפן נייע שיך אויף פסח, עטס ווייסט וואס דאס מיינט, איך רעד יעצט נישט פון די חילול השם, נאר לגבי אונז אליין, **'מיט מנין דאוועט מען נישט, אבער די נייע שיך מוז מען קויפן?'.**

וואס פאר א מעסעדז"ש איז דאס פאר די קינדער - די טאטע דאוועט ביחידות און די מאמע לויפט קויפן נייע שיך פאר די קינדער און נייע קליידער וואס מען 'מוז' אויף פסח האבן.

לאמיר זיך אויסלערנען אביסל וואס איז עכט וויכטיג אין אונזער לעבן, אונז זענען די גאנצע לעבן אוועק געלאפן פון זיך, און פון די קינדער, מען קויפט די נייע שיך און די נייע קליידער, פארוואס, ווייל מען גייט צו די באבע...

רבותי, טייערע חשובע מאמע'ס, אונז גייען נישט צו די באבע'ס, אונז גייען נישט צו די שוויגער, מען גייט נישט אויפן גאס קיינער גייט נישט זען די קליידער און די שיך, לאמיר קוקן וואס איז ריכטיג, וואס איז די עיקר.

מען מאכט שמחות היינט אויף א באשיידענעם פארנעם, און ווי וואונדערליך הערט מען פון יעדעם וויאזוי עס שפירט זיך א אמת'ע שמחה, א אידישע שמחה, מען דארף נישט קיין מיניטשער'ס מיט פיטשיווקע"ס, מען שפירט מיט א אמת די באדייט פון א שמחה.

מען פראוועט יעצט חתונות יעדן טאג ביי מענטשן אין דיינונג רום און אין בעק יארד'ס, די איינציגסטע זאך וואס מ'זעהט דארט, איז ווי פרייליך די עלטערן זענען, א אמת'דיגע שמחה, נישט ווייל דער וועט זאגן און יענער וועט זאגן, די זינגער און יענע בלומען...

דאס איז איינמאל וואס מען געט אונז א שאקל פון הימל און מען ווייזט אונז וואס איז וויכטיג, מען דארף נישט די טישטוך און די בלומען, נאר הארץ און געפיל, אמת'דיגקייט, ריכטיגקייט.

לאמיר עכט לייגן אין פערספעקטיי"ו וואס איז וויכטיג אין אונזער

לעבן און וואס איז ריכטיג, און וואס אונז דארפן באמת טוען און לאמיר זיין פריילין.

יב.

# המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר

## יעדער אין די זעלבע פראבלעם

אונז זענען אין א מצב וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען ביי אידישע קינדער, עס זענען געווען אסאך צרות פאר אידישע קינדער און שוועריקייטן אין אלע צייטן, אבער אייביג איז עס געווען אין א געוויסע געגענט, אין א געוויסע חלק פון די וועלט.

אפילו ביי די צווייטע וועלט מלחמה וואס רוב וועלט האט געליטן, אבער עס איז געווען אידן אין רומעניע, און אין שווייץ, און אין אמעריקע וואס מען האט זיי נישט גע'הרג'ט, אפילו אין ארץ ישראל האבן זיי נאר מורא געהאט אבער למעשה איז גארנישט געשען.

ווען עס פליען ראקעט'ן אין ארץ ישראל, אונז אלע דא אין אמעריקע זארגן זיך פאר זיי און דאווענען פאר זיי, אבער עס איז זייער צרה און אונז זארגן זיך פאר זיי.

אבער יעצט איז דאס ערשטע מאל וואס יעדע איד אין די גאנצע וועלט איז אין די זעלבע סיטואציע און אין די זעלבע מצב, יעדע איד איז אין די צרה, יעדע איד דארף דאווענען פאר א צווייטן, און יעדער איד איז א צריך לאותו דבר, '**המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה**'.

ווען עס פליען ראקעטס אין ארץ ישראל בין איך א 'מתפלל בעד חבירו' אבער נישט קיין 'צריך לאותו דבר', ווייל דא פליען נישט קיין ראקעטס, ווען עס איז דא הונגער אין איין עק וועלט איז דא עסן אין אן אנדערע פלאץ.

אבער יעצט איז דאס ערשטע מאל וואס די גאנצע וועלט איז אייניג, אונז אלע וועלן דאווענען יעדן טאג, המתפלל בעד חבירו, זאגן אביסל אידישע ווערטער פארן אייבערשטן, זאגן אביסל תהלים, 'המתפלל בעד

חבירו והוא צריך לאותו דבר' - אונז אלע דארפן האבן די זעלבע זאך, 'והוא נענה תחלה' - וועט דער אייבערשטער העלפן אז אונז אלע וועלן געהאלפן ווערן.

יג.

# וויאזוי גרייט מען זיך צו יו"ט אין שאטן פון טרויער??

### אין שאטן פון טרויער

וויאזוי גרייט מען זיך צו א סדר נאכט אין שאטן פון אזעלעכע שרעקליכע בשורות??

וויאזוי קען מען מקיים זיין דעם ושמחת בחגך אין א צייט וואס אין אזוי סאך אידישע שטובער איז ל"ע פינסטער?

טייערע אידישע קינדער, נאר א איד קען דאס באווייזן, און מ'האט עס שוין באוויזן במשך הדורות אסאך מאל, אידישע קינדער האבן זיך אלעמאל מחזק געווען און געשטארקט.

### צוריקגייענדיג קיין מצרים....

ס'איז ממש יעצט געווען מכת חושך, וואס ביי די מכה זענען לידער פיר פון יעדע פינף מענטשן פון כלל ישראל ליידער געשטארבן, ווי חז"ל זאגן אויפן פסוק '**וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים**' אז נאר איינ'ס פון יעדע פינף זענען ארויסגעגאנגן.

דאס מיינט אז יעדע איד וואס איז געבליבן האט נעבעך פארלוירן רוב פון זיין משפחה, רוב פון זיינע נאנטע פריינט און שכנים, א צרה גדולה.

בלויז איין וואך שפעטער קומט משה רבינו און הייסט פראווענען א יו"ט פסח, פסח מצרים, און אידן זענען זיך צוזאמגעקומען און געפראוועט א יו"ט בשמחה עילאה, ווייל דאס איז יעצט די רצון ה'.

### פסח תש"ה....

סוף ווינטער שנת תש"ה, די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה האט זיך נארוואס געענדיגט, די רעשטלעך אידן שלעפן זיך צוריק צו זייערע

שטעט נאר אויף צו זעהן נעבעך די חורבן, אז זיי זענען געבליבן עלנד אליין, איינער אליין פון א גרויסע פארצווייגטע משפחה.

מ'ווייסט נישט וואו מ'גייט, מ'ווייסט נישט וואס מ'טוט ווייטער.

געציילטע וואכן שפעטער קומט די הייליגע יו"ט פסח, און אונזערע זיידע'ס, די שארית הפליטה האבן געפראוועט א לעכטיגע יו"ט פסח, מ'האט געבאקן מצות געריבן מרור, און געפירט א סדר נאכט מיט א דערהויבנקייט.

נאר א איד קען זיך שטארקן אזוי, מיר האבן דאס באוויזן, און מיר וועלן דאס באווייזן. מיר וועלן זיך מחזק זיין, און פרובירן אריינצוברענגן א שמחה און לעכטיגקייט אין אונזערע שטובער, אריינברענגן א שמחת יו"ט.

## ראש השנה תר"ץ....

חודש אב תרפ"ט איז ליידער פארגעקומען א שרעקליכע שחיטה אין די חסרון ישיבה אין ארץ ישראל, צולאזטע אראבער'ס בני ישמעאל האבן זיך אריינגעכאפט אין די ישיבה און ליידער מיט א געוואלדיגע אכזריות אומגעברענגט עטליכע פון די חשוב'סטע בחורים, השם ינקום דמם.

מיר פארשטייען אליין וויאזוי זייערע חברים האבן געשפירט נאכדעם, אזא צובראכענקייט האט געהערשט צווישן די בחורים, מ'האט זיך נישט געקענט צוזאמקלויבן נאך אזא ביטערע חורבן.

אפאר וואכן שפעטער..... ליל ראש השנה.......

די מנהל פון די ישיבה הגאון ר' לייב חסמן זצ"ל וואונקט פאר א בחור מיט'ן נאמען 'בצלאל שיקוביצקי' זאל צוגיין צום עמוד דאווענען מעריב.

ווען ער איז אנגעקומען צו סוף פון די צווייטע ברכה האט ער אנגעהויבן צו זינגען מיט א שטילע געוויין די ווערטער.

**'ואהבתך אל תסיר ממנו לעולמים'**

די גאנצע ציבור האט מיטגעוויינט, און צוזאמען איבערגעזאגט נאכאמאל, אוי 'ואהבתך אל תסיר ממנו' און יעדעמ'ס הארץ גיסט זיך צום באשעפער, יא מיר ווייסן אז דו האסט אונז ליב, כאטש מיר זענען צוקלאפט און צובראכן, מיר האבן געכאפט שרעקליכע קלעפ, ס'טוט וויי, אבער דו האסט אונז ליב.

און מיר בעטן 'ואהבתך אל תסיר ממנו' קיינמאל נישט 'לעולמים'.

נאכ'ן דאווענען האט ר' לייב באדאנקט בצלאל, זאגענדיג: דאס האב איך געמיינט.

מיר ווייסן אז די רבש"ע מיינט נאר אונזער גוט'ס, און ער האט אונז ליב, מיר גייען זיך גרייטן צו פראווענען א הייליגע יום טוב, און מיר בעטן.

הייליגער טאטע, **'ואהבתך אל תסיר ממנו לעולמים'**.

## יד.
# א סדר אינדערהיים, וויאזוי גרייט מען זיך?

### נישט זיין נערוועז צו פראווענען א סדר

מען ווייסט נישט וואס עס וועט זיין מארגן, עס קען זיין אז מיר אלע גייען דארפן מאכן א 'סדר' אינדערהיים, היינט נאכמיטאג רופט מיר אן א אינגערמאן און זאגט מיר אז ער האט היינט געזאגט אין שטוב אז מען גייט אפשר דארפן מאכן א סדר אינדערהיים, און זיין ווייב האט זיך גענומען מאכן קולות אז מען קען דאס נישט טון, און עס איז פשוט נישט מעגליך, אונז האבן אפילו נישט קיין נייע טישטוך פארן טיש.

טייערע חשובע עלטערן, מיר דארפן וויסן וואס איז וויכטיג און וואס נישט, למשל א טישטוך איז וויכטיג אבער מען קען אן דעם, מען קען נעמען א געווענטליכע טישטוך און מען לייגט ארויף דערויף א פלעסטיק טישטוך און עס איז כשר לפסח.

פארוואס זאל מען זיין אנגעצויגן, עס איז מעגליך אז אויף פסח וועט מען זאגן אז מען דארף זיין אינדערהיים, האטס נישט מורא דערפון, יעדער פון ענק קען פראווען א ערליכע שיינע סדר, עס וועט זיין די שענסטע סדר וואס ענק האבן נאר אמאל געהאט אין ענקער לעבן!

די פראבלעם וועט נישט זיין היי יאר, נאר די נעקסטע יאר ווען די עלטערן וועלן ווילן מען זאל קומען צו זיי אויפן סדר, און יעדער וועט זאגן **'עס איז געווען א ערליכע סדר לעצטע יאר און איך וויל בלייבן אינדערהיים'...**

אונז אלע האבן מורא געהאט פון די ערשטע שבת'דיגע סעודה וואס מ'וועט זיין אינדערהיים, מען איז געגאנגען די ערשטע יאר צו די מאמע און די שוויגער, מען האט אזוי מורא געהאט פון די ערשטע סעודה, אבער מיר געדענקן אלע די ערשטע סעודה ווי געשמאק און פרייליך עס איז געווען, די אמת'דיגקייט, די רוהיגקייט, אזויווי יענע סעודה אזוי וועט זיין אונזער סדר שנת תש"פ.

א דוגמא, אויב א מאמע וועט זאגן ראש השנה אינדערפרי אז זי וויל גיין אין בית המדרש דאווענען, אבער זי האט פיר קליינע קינדער אינדערהיים, אבער זי זאגט 'איך וויל גיין דאווענען ראש השנה אין בית המדרש, וואס וועל איך טון, איך וועל רופן א גוי'טע זאל זיין מיט די קינדער און זיי בעביסיט"ן די פאר שעה וואס איך וועל גיין אין בית המדרש'.

יעדער פארשטייט אליין אז דאס האט נישט קיין שום פשט, גיין ראש השנה דאווענען איז א גרויסע זאך, אבער אז דעמאלטס זאל זיין אינדערהיים א גויטע מיט די קינדער, דארף נישט דער אייבערשטער דיין תפלה, דער אייבערשטער וויל דו זאלסט זיין מיט דיינע קינדער אינדערהיים.

די זעלבע זאך יעצט, דער אייבערשטער דארף נישט די נייע טישטוך, די נייע שיך, אדער די נייע טעלער'ס, די אייבערשטער דארף א לעכטיגע אידישע שטוב.

ווען די זוהר הקדוש זאגט, אז דער אייבערשטער קומט אראפ מיט אלע מלאכים צו די אידישע סדר צו קוקן וויאזוי עס זעט אויס, וואס מיינט עטס קוקט דער אייבערשטער? ער קומט דען קוקן צו די מענטש האט דער טישטוך צו יענע טישטוך?... די אייבערשטער קומט דען קוקן צו די קינד וואס האלט אינמיטן איינשלאפן ביים סדר, האט די קלייד אדער יענע שיך?...

די אייבערשטער קומט קוקן וויאזוי די אידישע שטוב זעט אויס, וויאזוי די אטמאספערע זעט אויס!

רבותי, לאמיר זיך גרייטן דערצו, וואס מען וועט נאר פארלאנגן פון אונז, וועלן מיר טוהן, אז מען פארלאנגט סדרים, וועלן מיר צושטעלן א לעכטיגע סדר! איך וועל נישט האבן די בעסטע חרוסת, נישט געפערליך, וועט זיין א גוטע אטמאספערע, עס וועט זיין א גוטע געשמאקע סדר.

מען וויל פון אונז אז אונז זאלן זיין אין די טעג פרייליך, אונז זאלן פירן לעכטיגע שבתים, לעכטיגע סדרים, לאמיר נישט נעמען קלייניגקייטן און דאס זאלן אוועקנעמען אונזער גאנצע שמחה.

## טו.
# ולא יהיה בהם נגף

### ברכת המזון בכונה!

און איך וויל נאך ענדיגן מיט א קלייניגקייט, היי יאר שנת תש"פ ערב ראש השנה אפאר מינוט נאך עס איז אריינגעקומען די נייע יאר, זענען מיר געשטאנען אין בית המדרש און געזאגט 'רבותי, תש"פ קען מען שרייבן מיט א ענדע ף', און מען קען עס שרייבן מיט א פ', מיר ווילן עס זאל זיין א אפענע פ', עס זאל זיין אפן אונזער מויל, אונזער פ"ה, דער אייבערשטער זאל אנעמען אונזערע בקשות, און פון הימל זאל מען אונז געבן מיט אן אפענקייט.

עס זאל נישט זיין תש"ף מיט א ענדע ף', וואס דאס איז מרמז אויף נישט גוטע זאכן, אף – צארן, שצף און קצף, דאס אלעס ענדיגט זיך מיט א ענדע ף', און נגף – א מארד, נאר עס זאל זיין תש"פ און נישט מיט א ענדע ף'.

ליידער איז עס יא א יאר וואס עס איז דא א נגף, אבער דעמאלטס איז עס נאכנישט געווען, האבן מיר דעמאלטס געזאגט וואס עס שטייט אין באר היטב סימן קפ"ה, אז אין גאנץ בענטשן איז נישט דא קיין איין ענדע ף', ווייל אז א מענטש בענטשט בכונה איז נישט שולט אויף אים קיין אף און נישט קיין קצף, נישט קיין שצף און נישט קיין נגף – מארד.

מ'האט געבעטן אנהייב יאר אז מ'זאל זיך מחזק זיין דערין, מען האט אפשר געדארפט מער רעדן דערפון, אבער יעצט עכ"פ לאמיר זיך פארנעמען און אנהייבן בענטשן בכונה אין א סידור, דאס איז א קלייניגקייט, אבער אויף דעם שרייבט דער באר היטב אז דאס ראטעוועט פון נגף און שצף און קצף און אף, און ער פירט אויס '**ומזונותיו מצויין לו בריוח ובכבוד כל ימיו**' – און זיינע שפייז איז דא פאר אים בריוח און בכבוד אלע זיינע טעג!

ליידער איז יעצט נישט גוט די מצב הפרנסה ביי אידישע קינדער צוליב די מצב אין די וועלט, לאמיר בענטשן אינעווייניג בכונה, א קלייניגקייט וואס יעדע טאטע מאמע און קינד קען זיך אינטערנעמען, און מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין עס וועט נישט זיין אף שצף קצף און 'נגף'.

**ולא יהיה נגף בבני ישראל.**

און מיר וועלן זוכה זיין בקרוב צו נאכאמאל קענען זיך צוזאמקומען משפחה משפחה, און צוזאמען קענען פראווען שמחות, ומכל טיב וטוב לעולם אל יחסרנו, ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו, אמן.